**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת כי תצא ה לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, היינט דינסטאג פרשת שופטים, אינעם הייליגן חודש אלול תשפ"ד. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

**מחיית עמלק און מיטן ווינטער**

דער איידעם פון הגאון רבי נתן צבי פינקל זכר צדיק לברכה האט דערציילט: איין מאל האט פאסירט אין ירושלים עיר הקודש א גאר שווערע שניי. עס איז געווען זייער שווער ארויסצוגיין אינדרויסן, בפרט אין ירושלים וואו מען איז נישט צוגעוואוינט צו קיין שניי. רבי נטע צענווירטה זצ"ל איז שוין דעמאלטס געווען אין די עלטערע יארן, אבער ער האט צונויפגענומען זיינע כוחות און זיין מוח, ער האט זיך געשטארקט אויף די אלע שוועריגקייטן, און ער איז געגאנגען אין מקוה און דערנאך צום דאווענען. ווען ער איז אנגעקומען צוריק אהיים נאך די תפילה, האט ער געזאגט מיט גרויס שמחה: "ברוך השם, געלויבט דעם הייליגן באשעפער, מען האט היינט מקיים געווען די מצוה פון מחיית עמלק." די משפחה האט נישט פארשטאנען וואס ער מיינט; ווי קומט אריין "מחיית עמלק" אין א פשוטן קאלטן ווינטער מיט שניי?

האט רבי נטע צענווירטה זצ"ל מיט זיין געשמאקער שפראך און מיט זיין שמייכל געענטפערט אזוי: וואס איז געווען עמלק? אז מ'קוקט זיך אום אין די מגילה, זעט מען אז המן, וואס איז געווען מזרע עמלק און דער ממשיך דרכו פון עמלק, האט געזאגט: "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי". המן האט געהאט אלעס גוטס; ער איז געווען א משנה למלך און יעדער האט זיך געבוקט פאר אים. אסתר האט אים גערופן צו א סעודה, זי האט קיינעם נישט גערופן אויסער אים אינאיינעם מיט'ן מלך. אבער איין זאך איז נישט געגאנגען זיין וועג — דאס וואס מרדכי הצדיק בוקט זיך נישט פאר אים — האט ער געזאגט: "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי", גארנישט איז אים נישט ווערד. זיין גאנצע געלט, זיין גאנצע כבוד, זיין רייכטום און זיין עשירות, גארנישט איז אים נישט ווערד, נאר ווייל מרדכי הצדיק בוקט זיך נישט פאר אים.

קומט אויס, **וואס איז עמלק? אז גארנישט איז אים נישט ווערד. אלעס דארף גיין זיין וועג, און אויב ס'איז דא איין זאך וואס גייט נישט זיין וועג, איז אים שוין דאס גאנצע לעבן גארנישט ווערד**. ער זאגט, וואס איז יעצט געווען? א שווערע שניי. עס איז געווען זייער שווער צו גיין אין מקוה, שווער צו גיין דאווענען, און שווער אהיימצוגיין פונעם דאווענען. זאגט רבי נטע צענווירטה זצ"ל אפילו הכי בין איך איבערגעקומען די אלע שוועריגקייטן; און נישט נאר איך האב עס איבערגעקומען און דורכגעמאכט, נאר איך בין אפילו נישט טרויעריג, איך בין באמת פרייליך און גליקליך אז איך האב געקענט טון דעם רצון השם.

**דאס איז דער ריכטיגער ענין פון מחיית עמלק! איך האב נישט וואס איך דארף, איך האב נישט וואס איך וויל, און עס גייט נישט מיין וועג, אבער איך שטארק מיך און איך בין מתגבר, און איך גיי ווייטער אן מיט מיין רוחניות און גשמיות און מיט מיין טעגליכן רוטין — דאס איז מחיית עמלק. און בפרט ווען מען טוט עס מתוך שמחה**, מתוך גליקליכקייט, מתוך געשמאק, זיסקייט, לעבעדיגקייט און מתוך חיות דקדושה, מיט דעם זענען מיר מקיים די מצוה פון מחיית עמלק. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, געוואלדיגע, געוואלדיגע ווערטער!

**די מעשה פון דעם 'פנים מאירות' איד און די גרויסע ישועה מיט רענט**

א "פנים מאירות" איד האט דערציילט א מעשה וואס האט פאסירט די וואך, פרשת כי תצא, ערב שבת קודש שופטים. דער איד – דער פנים מאירות איד וואס לעבט שטענדיג מיט פנים מאירות – האט געזען אז ער דארף האבן פאר מאנטאג, פרשת כי תצא, דעם גאנצן סכום פארן שכירות פון זיין דירה; א גאנץ היבשער סכום וואס ער האט בכלל נישט פארמאגט. ער איז געגאנגען ערב שבת קודש, געזאגט "מזמור לתודה", געדאנקט דעם אייבערשטן, און ווייטער אנגעגאנגען מיט א רואיגקייט. ער האט אויפגענומען דעם שבת קודש מיט א געוואלדיגע שמחה און מיט א שטארקע אמונה, שלום, בטחון און שמחה. ער האט אפילו אריינגעלייגט א צעטל אונטערן שבת'דיגן טישטוך – א בריוועלע צום אייבערשטן – אז ער דארף באצאלן דאס שכירות, די רענט פאר די דירה.

למעשה האט ער געזען אז ס'איז שוין זונטאג און מאנטאג דארף מען שוין באצאלן, אבער ער האט נישט געהאט דאס געלט. האט ער באשלאסן אז ער וועט ארויסגיין אין א געגנט "במקום שאין מכירין", א געגנט וואו קיינער קען אים נישט, און ער גייט קלאפן אויף די טירן. ער האט געקלאפט דריי שעה צייט און קוים צוזאמגעקראצט צוויי הונדערט דאלער. דאס איז געווען געפערליכע יסורים און ווייטאג פאר צוויי טעמים: איינס, פאר די פילע שעה'ן וואס ער האט זיך געמוטשעט און זיך געדרייט אין די היצן, גייענדיג פון טיר צו טיר און דורכגיין די אלע בזיונות און שוועריגקייטן; און נאך אלעם צו האבן בלויז צוויי הונדערט דאלער, ווען ער דארף האבן פיל מער צו באצאלן די שכירות.

לכאורה וואלט מען געדארפט ווערן צובראכן און צוקלאפט, אבער ער האט בײ זיך געטראכט "פנים מאירות" אמונה: "לי הכסף ולי

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעבטיגן גוט מארגן ג פרשת כי תצא ה לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

הזהב נאם ה׳״, דער אייבערשטער האט אלעס, אלע געלטער געהערן צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער איז דא מיט אונז. אונז דארפן מיר לעבן מיט ״מזמור לתודה״, דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, זיין רואיג און זיך שפירן גליקליך און פרייליך אז מיר זענען ״בנים למקום״, און גלייבן אין ישועת ה׳ כהרף עין. ער האט זיך אויך פארגענומען אז אויב דער אייבערשטער וועט העלפן און עס וועט זיין א ישועה, וועט ער עס מפרסם זיין דא פאר די ״פנים מאירות״ אידן. ביים גוט מארגן אשב״ש שיעור!

ער האט אריינגעקלאפט אין נאך א טיר, און יענער האט אים געגעבן צוואנציג דאלער. ער גייט ווייטער, און יענער לויפט אים נאך און ברענגט אים זעקס הונדערט דאלער. דערנאך לויפט אים יענער נאכאמאל נאך און פרעגט אים: ״וויפיל געלט דארפסטו האבן אויסצוצאלן די שכירות?״ האט ער געזאגט אז עס פעלט אים נאך צוועלף הונדערט דאלער. האט ער גראד אריינגעשיקט פארן משכיר לענדלארד די צוועלף הונדערט דאלער, און די זעקס הונדערט און צוואנציג דאלער וואס ער האט אים פריער געגעבן, האט ער געלאזט ביי אים.

דער איד האט אים באדאנקט מיט א געוואלדיגע הכרת הטוב. האט דער איד אים געזאגט: ״דאס איז דער אייבערשטער זארגט פאר יעדן איינעם, און דאס איז דער אייבערשטער האט אים געשיקט בהשגחה פרטית אלס א שליח צו באצאלן זיין שכירות – פון דעם בין איך נישט נתפעל; דאס האב איך געוואוסט אז עס גייט געשען. אבער איך וויל דו זאלסט מיר פארציילן וואס דו האסט געטראכט, וואס איז פארגעקומען ביי דיר אין מחשבה.״

ער דערציילט, אז ער האט געקלאפט אויף דער טיר און אים מסביר געווען אז ער דארף האבן געלט פאר די שכירות, האט ער אים געגעבן צוואנציג דאלער. ווען ער איז אריינגעקומען אהיים, האט זיין בני בית געפרעגט ווער עס האט געקלאפט, האט ער איר דערציילט. האט זיין בני בית אים געזאגט: ״ניין, דאס איז נישט גענוג; צוואנציג דאלער איז נישט גענוג. א מענטש וואס האט נישט צו באצאלן דירה-געלט און האט א משפחה מיט קינדער, דארף מען אים געבן מער.״ האט ער אים געגעבן זעקס הונדערט דאלער. אבער די ווייב איז נאך אלץ נישט געווען צופרידן, זי האט געוואלט אז ער זאל אויסצאלן די גאנצע שכירות. האט ער טאקע אויסגעצאלט די גאנצע שכירות, און די איבריגע געלט האט ער נישט צוריקגעבעטן.

**הייליגע לעבטיגע אידישע קינדער, דאס הייסט ״מחיית עמלק״. דער איד האט פשוט מקיים געווען מחיית עמלק; אן קיין עצבות, אן קיין מרה שחורה, אן קיין פירוד הלבבות, אן קיין מחלוקת, און אן קיין טענות ומענות. נאר פרייליך, לעבטיג, רואיג, געדולדיג, בשמחה און מיט אמונה פשוטה, און דער הייליגער באשעפער האט אים געשיקט אזא אוצר.**

און דער איד בעט אז אידישע קינדער זאלן מתפלל זיין, לכבוד דעם וואס ער מפרסם די מעשה מפרסם דעם כבוד שמים פארן ציבור — דעם ״אדה ה׳ מאוד בפי ובתוך רב אהללנו״ — זאל מען מתפלל זיין אז ער זאל קענען ווייטער באצאלן די חובות, ער זאל קענען איינשרייבן די קינדער אין די מוסדות און האבן דאס געלט וואס ער דארף, און דער אויבערשטער זאל אים עפענען צינורות פון השפעות פון הרחבה והרוחה, ער זאל זוכה זיין צו אך טוב וחסד און אלע השפעות טובות. מען זאל מתפלל זיין פאר דעם איד ער זאל קענען ווייטער מפרסם זיין דא איין ישועה נאך דער צווייטער.

**די מלחמה פונעם יצר הרע דורך עצבות און מרה שחורה**

הייליגע לעבטיגע קינדער, דאס איז מחיית עמלק. ווען א איד לעבט מיט'ן אייבערשטן, ווען א איד איז פארזיכערט אין דעם אייבערשטן, ווען א איד איז בשמחה און ער נעמט אויף יעדע שוועריגקייט מיט א שמחה, מיט א רואיגקייט, מיט א הייליגקייט, מיט א דערהויבנקייט און מיט א חשיבות, דאס איז דער ריכטיגער מחיית עמלק. ווייל וואס וויל עמלק? אריינברענגען טרויעריגקייט, עצבות, מרה שחורה, אומצופרידנקייט און אומגליקליכקייט.

אסאך מאל מאכט זיך אז א מענטש איז בעצבות און ער ווייסט אפילו נישט פארוואס; א מענטש איז במרה שחורה און ער ווייסט נישט פארוואס. די תשובה שטייט אין די ספרים הקדושים, און אונז ווייסן מיר יא פארוואס: ווייל דער יצר הרע וויל זיך פארלייגן אויף דעם מענטש. וויאזוי קען ער זיך פארלייגן? אויף א מענטש וואס איז בשמחה האט דער יצר הרע קיין שום שליטה נישט, דערפאר ברענגט ער קודם אריין א עצבות און א מרה שחורה, און יעצט קען ער שוין לייגן זיינע לאפעס אויף דעם מענטש, רחמנא ליצלן חלילה וחלילה. אונז דארף מען זיך אויף דעם מתגבר זיין מתוך ששון, מתוך שמחה און זיין גליקליך. ברוך השם שלא עשני גוי, ברוך השם, שעשה לי כל צרכי, הודו לו ברכו שמו. הייליגע לעבטיגע אידישע קינדער.

**דער משל פון די צוויי גנבים: וויאזוי דער יצר הרע פארדרייט דעם קאפ**

דער מאדזשיצער רבי האט געזאגט א משל אויף דעם. אין פרשת וישלח אז עס זענען געווען צוויי גנבים, אבער זיי זענען געווען גאר פיפיגע

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת כי תצא ה לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

גנבים. וויאזוי פלעגן זיי דורכפירן זייערע גניבות? איין גנב פלעגט אריינגיין אין א געשעפט און זיכער מאכן אז דער בעל הבית זעט אים און באמערקט וואס ער טוט; ער פלעגט ארויסגנב׳ענען עפעס א קלייניגקייט און אנהייבן ארויסצולויפן. וואס פלעגט דעמאלט געשען? דער בעל הבית פלעגט אים נאכלויפן שרייענדיג: ״ליִיג עס צוריק! גיב עס צוריק! וואס גנב׳עסטו? פארוואס באצאלסטו נישט?״

ווילאנג דער בעל הבית איז געלאפן נאכן גנב, וועלכער איז שנעל נעלם געווארן ווייל אלעס איז שוין געווען צוגעגרייט פון פאראויס, איז דער בעל הבית דאך ביז דערוויל אוועקגעגאנגען פון זיין טישל. דעמאלט פלעגט צוגיין דער צווייטער גנב, אויסליידיגן די קאסע פונעם געשעפט, מאכן א ״ויברח״ און אנטלויפן. ווען דער בעל הבית פלעגט צוריקקומען אנגעצויגן און אויפגערעגט אז ער האט נישט געקענט כאפן דעם גנב, האט ער פלוצלינג אנטדעקט אז דאס גאנצע לויפן איז בלויז געווען אן אונטערגעשטעלטע פאסטקע, און דער צווייטער גנב האט שוין דערוויל אפגעליידיגט די קאסע ביזן סוף.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער נמשל איז, אז דער יצר הרע קומט אמאל איבעררעדן א מענטש און אים מכשיל זיין צו טון אן עבירה חלילה וחלילה. וואס וויל דער יצר הרע? **ער וויל אריינברענגען דעם מענטש אין די עצבות וואס קומט נאכדעם**. פונקט ווי דער ערשטער גנב וויל בעיקר פארדרייען דעם קאפ פונעם סוחר כדי דער צווייטער גנב זאל קענען ארבעטן פעסט און אפליידיגן די קאסע, אזוי אויך איז דער כח היצר; וואס דער יצר הרע טוט אונז צורעדן צו טון עבירות איז נאר א הקדמה, אבער דער עיקר תכלית איז דער צווייטער שריט, וואס דאס איז עצבות ומרה שחורה. ווייל ווען א מענטש פאלט אריין אין עצבות ומרה שחורה, איז ער אינגאנצן אין די הענט פון דעם יצר הרע. **דער גאנצער יצר הרע׳ס מלחמה איז נאר אריינצוברענגען א מענטש אין עצבות ומרה שחורה**; איינמאל ער האט אים שוין אריינגעברענגט אין דעם, האט ער שוין נישט קיין שום שוועריגקייט אים מכשיל צו זיין מיט די שווערסטע עבירות רחמנא ליצלן חלילה וחלילה. אזוי שטייט אין זוהר הקדוש, און אזוי שטייט אין די ספרים הקדושים.

הייליגע לעכטיגע קינדער, אונזער עבודה הקדושה והטהורה איז זיך צו האלטן שטארק מיט שמחה. בשמחה אז מיר זענען אידן, בשמחה אז מיר געפינען זיך אונטער די השגחה פרטית פונעם הייליגן באשעפער, בשמחה אז דער אויבערשטער איז טוב ומטיב, און בשמחה אז אין עוד מלבדו, ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כלכם היום.

**די מעשה פונעם בעל תפילה: אמונה און השגחה פרטית אין פרנסה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. פארציילט א רב א יונגערמאן, א בן תורה, וואס האט געהאט א זייער שיינע שטימע. ער פלעגט יעדן יאר פארן צו אן אנדערע מדינה צו דאווענען פארן עמוד אין א קהילה דורכאויס די הייליגע טעג. נאכדעם פלעגן זיי אים געבן א גרויסן סכום געלט, און אזוי פלעגט ער אהיימפארן און האבן פרנסה בריווח פאר א לאנגע צייט אריין אינעם יאר.

איין יאר איז אים געבוירן געווארן א קינד פונקט אין די הייליגע טעג. ער האט גאדארפט פראווען די שמחה, און היות זיין בני בית איז געווען א קימפעטאָרין, האט ער נישט געקענט אוועקפארן. האט ער געשיקט א חבר זיינעם ער זאל גיין דאווענען פארן עמוד אין יענע קהילה אנשטאט אים. די קהילה האט זייער הנאה געהאט פונעם חבר׳ס דאווענען, און זיי האבן תיכף אונטערגעשריבן מיט אים א קאנטראקט אז ער ווערט דער קבוע׳דיגער חזן אין יענעם בית המדרש.

ווען ס׳איז געקומען דאס נעקסטע יאר, האט דער יונגערמאן גארנישט געוואוסט וואס זיי האבן אפגעשמועסט מיט זיין חבר. ער האט זיך פארבונדן מיט די קהילה אפצומאכן די פרייזן און די דעטאלן ווען מ׳פארט ארויס און ווען מ׳קומט, אבער זיי האבן אים געזאגט: ״ניין, פאר א יאר האסטו געשיקט דיין חבר, ער איז אונז זייער געפעלן, און מיר האבן שוין אונטערגעשריבן א קאנטראקט מיט אים.״

קודם האט ער ביי זיך געטראכט אז ער גייט אנרופן דעם חבר, ער גייט אים אנשרייען, אים פארשעמען און אים צורעכטשטעלן. וויאזוי האט א איד געקענט טון אזא אומרעכט? איך האב אים געטון א טובה, איבערגעגעבן א ברעטל, און ער איז געגאנגען טון אזא אומרעכט, אזא עוולה! ער האט אים געוואלט מבזה זיין, פארשעמען, דערנידריגן און אויפפאדערן. אבער תיכף האט ער זיך מחזק געווען מיט אמונה: אלעס איז א גזירת המקום, אלעס איז פארגעשריבן פונעם הייליגן באשעפער, ״מה׳ מצעדי גבר כוננו״. **נישט דער חבר איז שולדיג, און נישט דער ראש הקהל פון יענעם בית המדרש איז שולדיג; דער הייליגער באשעפער האט אהינגעשיקט דעם חבר, און דער הייליגער באשעפער האט אריינגעלייגט אין די דעת פונעם ראש הקהל אים אויפצונעמען. אזוי ווי עס איז פונעם אויבערשטן, א גזירה מן השמים, נעמען מיר עס אן באהבה, בהכנעה און מיט א ביטול הרצון**. ער האט טאקע מוותר געווען און גארנישט געטון, ער האט זיך אפילו נישט אפגערעדט, נאר אלעס אנגענומען בשלום ובשלוה, בששון ובשמחה, גליקליך און פריילעך.

עס זענען אדורך עטליכע טעג, און ער באקומט א רוף פון א צווייטע קהילה אין יענע שטאט – וואס איז געווען ווייט אוועק פון דעם שטאט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת כי תצא ה לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

וואו ער וואוינט – אז זיי האבן נישט קיין בעל תפילה, און זיי ווילן ער זאל קומען דאווענען פאר זיי אויף די הייליגע טעג און דינען אלס דער חזן אין די קהילה. ער איז אהינגעפארן און זיך שיין אוועקגעשטעלט מיט זיין קול. ער האט געהאט א מורא'דיגע הצלחה, און זיי האבן תיכף אפגעמאכט א קאנטראקט אז ער בלייבט זייער חזן. אבער נישט נאר דאס, נאר די צווייטע קהילה איז אויך געווען א בעסערע קהילה: מער בני תורה, מער איידעלע, ערליכע, דערהויבענע און בעלי מדרגה; ממילא האט מען גדאווענט מער רואיג, מיט מער השתפכות הנפש, טיפער און מיט מער התלהבות. ער האט דארט פארדינט פיל מער געלט, און אויך האט ער געגאסן פון דעם וואס אין יענע קהילה זענען געווען פיל מער עשירים ווי אין די פריערדיגע קהילה, וועלכע האבן אים ארויסגעהאלפן מיט זיין צדקה וחסד אפאראט וואס ער האט אנגעפירט.

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער! וואס פארציילט אונז די מעשה? קודם כל, די געוואלדיגע בחינה פון "מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". דא זעט מען אז מיר אלע האבן די כוחות און די מוחות. אזוי ווי מיר האבן געזאגט אין דעם שיעור אויף פרקי אבות וואס מיר האבן געלערנט די וואך – וואס מען קען עס הערן דא אויף די ליניע – אז אלע כוחות וואס געפינען זיך ביי יעדע חיה רעה, ביי יעדע סתם חיה, ביי יעדע בהמה פון אלע מינים, אלע סארטן עופות, פיש, און אפילו ביי אלע מיני שרצים ורמשים, אלע כוחות וואס עקזיסטירן ביי די אלע בעלי חיים, האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין איין מענטש, אדם הראשון, און דאס גייט איבער בירושה פון מענטש צו מענטש. אלע כוחות וואס געפינען זיך אין די בהמות, חיות און עופות, האבן מיר אלס מענטשן אין זיך. דער אייבערשטער געבט עס פאר יעדן מענטש און בויט עס אריין אין אים. הערט אויס דעם שיעור, עס איז א געוואלדיגע חיזוק.

**דער הייליגער באשעפער וויל נישט מיר זאלן ווערן טרויעריג, מיר זאלן נאכלאזן אדער אויפגעבן, ווייל דאס אלעס ברענגט אז א מענטש זאל זינדיגן. מיר דארפן זיך האלטן מיט שמחה, מיט פרייליכקייט און מיט א נאנטקייט צום הייליגן באשעפער**, און דעמאלט זעט מען אותות ומופתים. עס קען אויסזען ווי איינער האט דיר צוגענומען דיין פרנסה, אבער באמת האט ער דיר צוגעגעבן פרנסה און מוסיף געווען ברכה ברוחניות ובגשמיות. א הייליגע מעשה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

**יעדע רגע א נייע בריאה: זיך באנייען מיט שמחה**

מען דארף זיך שטארקן, שטארקן און שטארקן מיט חיזוק און אמונה. ר' נטע פריינד פלעגט נאכזאגן בשם ר' נתן צענווירטה, אז דער הייליגער רוז'ינער האט געזאגט אויפן פסוק "כל הנשמה תהלל י-ק הללו-י-ק": דער הייליגער רוז'ינער האט מסביר געווען אז יעדע רגע איז דא א נייע בריאה, און די וועלט ווערט באנייט יעדע רגע פריש. חז"ל זאגן "על כל נשימה ונשימה תהלל י-ק" – אויף יעדע אטעם דארף מען עקסטער דאנקען דעם אייבערשטן, ווייל יעדע אטעם איז א התחדשות און א פרישקייט. עס קען זיין אז א מענטש האט זיך די יעצטיגע רגע נישט אויפגעפירט אזוי ווי עס דארף צו זיין, אבער ער האט די ברירה צו נעמען דעם מהלך פון התחדשות, און ער ווערט א נייער מענטש כאילו ער האט נאך קיינמאל נישט פוגם געווען.

רבי נטע פריינד פארציילט, אז אסאך מאל ווען ער פלעגט טרעפן רבי נטע צענווירטה זצ"ל , פלעגט אים רבי נטע זאגן: "מזל טוב, מזל טוב!" וואס איז דער מזל טוב? וואס הייסט, מיר זענען יעצט געבוירן געווארן! יא! יעדע רגע איז דא א נייע חיות, א נייע התחדשות, א נייע קאפ, א נייער מוח, א נייע הארץ, און א נייע "ורגליו מוליכות אותו לבית המדרש". איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? א נייע חיות דקדושה!

די עיקר הראוואניע וואס מיר דארפן אריינלייגן אין די הייליגע טעג, די עיקר עבודה וואס דער אייבערשטער וויל מיר זאלן אריינלייגן אלס א הכנה צו די ימים נוראים און צו די ימי הדין – די טעג וואס מיר טוען תשובה און ברענגען זיך נאנט צום אייבערשטן – דארף זיין נאר מיט גליקליכקייט, פרייליכקייט, לעכטיגקייט, רואיגקייט, און אן איבערגעגעבענע געטריישאפט צום הייליגן באשעפער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איך בין פרייליך און איך וועל שטענדיג זיין פרייליך. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת כי תצא ה לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

# הלכות כיבוד אב ואם

כיבוד אב ואם צען מינוט, די פיר און צוואנציגסטע שיעור, בסיעתא דשמיא.

**א שמירה פון זינד און א זכות פאר מחילת עוונות**

אין תנא דבי אליהו, פרק כ"ו, שטייט א פשט: עס שטייט אין די עשרת הדברות "זכור את יום השבת לקדשו" און גלייך דערנאך "כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך". פארוואס שטייט טאקע די מצוה פון שבת נעבן די מצוה פון כיבוד אב ואם? זאגט דער תנא דבי אליהו, אז דאס קומט אונז לערנען אז **כל זמן א מענטש איז מכבד זיין טאטע און זיין מאמע, וועט ער געראטעוועט ווערן פונעם חטא פון חילול שבת, און קיין שום אנדערע זינד וועט נישט צוקומען צו אים**. און אפילו אויב ער וועט יא זינדיגן, וועט מען אים מוחל זיין, ווי עס שטייט: "אשרי אנוש יעשה זאת ובן אדם יחזיק בה שומר שבת מחללו" – דרש'נען חז"ל: אל תקרי "מחללו" אלא "מחול לו". אזוי שטייט אין תנא דבי אליהו, אז כיבוד אב ואם היט אפ דעם מענטש פון זינדיגן און פון חילול שבת, און אויב חלילה מען פאלט דורך, איז דער אייבערשטער מוחל.

ער שרייבט ווייטער: איינער וואס איז נישט מכבד זיין טאטע און מאמע, קומען אויף אים חלילה וחלילה גזירות קשות, אזוי ווי עס שטייט: "יען כי נגש העם הזה בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה".

**דער פארגלייך צווישן כבוד שמים און כבוד עלטערן**

זאגט דער תנא דבי אליהו ווייטער: א מענטש זאל נישט זאגן, וויבאלד "אבי שבשמים הקדימני תחלה" – דער אייבערשטער קומט דאך פאר אלעם, דער הייליגער באשעפער איז דער וואס באפעלט אונז און גיט אונז די מצוות – וועל איך טון דעם רצון פון מיין טאטען אין הימל און מכבד זיין דעם אייבערשטן, אבער איך וועל איבערלאזן דעם רצון פון מיין טאטע און מאמע און זיי נישט מכבד זיין. אויף דעם זאגט ער, אז דערפאר שטייט אין פסוק אין משלי (ג'): "**כבד את ה'** מהונך ומראשית כל תבואתך וימלאו אסמיך שבע", און עס שטייט אויך: "**כבד את אביך ואת אמך** למען יאריכון ימיך".

אז א מענטש וויל האבן אלע השפעות און פרנסה, און זיינע אוצרות זאלן זיין פול, זאגט דא דער אייבערשטער אז דו זאלסט אים מכבד זיין פון דיין געלט, "ומראשית כל תבואתך". דער הייליגער באשעפער האט געזאגט אז מכבד זיין דעם אייבערשטן דארפסטו נאר פון דעם וואס ער האט דיר געגעבן, אבער ביי כיבוד אב ואם שטייט "למען יאריכון ימיך" – א סאך א גרעסערע שכר שטייט ביי כיבוד אב ואם ווי ביי כיבוד שמים. א מענטש זאל נישט זאגן: "דער הייליגער באשעפער איז פריער, דעריבער וועל איך טון דעם רצון פון מיין טאטען אין הימל און מורא האבן פון אים, אבער איך גיי נישט מורא האבן פון מיינע עלטערן". וועגן דעם שטייט: "את ה' אלקיך תירא" און אויך "איש אמו ואביו תיראו".

דער תנא דבי אליהו ברענגט ארויס אז דער הייליגער באשעפער זאגט פאר אידישע קינדער: ווי שטארק דו ווילסט דינען דעם אייבערשטן, ווי שטארק דו ווילסט מכבד זיין דעם אייבערשטן און מורא האבן פאר אים, האט אבער דער הייליגער באשעפער געפעדערט און מער מחמיר געווען, און ער האט עס געשטעלט פריער, ווייל דאס איז א חלק פון די מצוות התורה — די מצוה פון כיבוד אב ואם און די מצוה פון מורא אב ואם. איר הערט די חומר הדבר, די הארבקייט פון די זאך?

**די הארבקייט פון ווייטון עלטערן**

זאגט דער תנא דבי אליהו ווייטער: ווען א מענטש שעלט זיין טאטע אדער מאמע, אדער ער שלאגט זיי, בייגט דער הייליגער באשעפער איין די פיס אונטערן כסא הכבוד און ער זאגט: "איך האב צוגעגליכנט מיין כבוד צו זייער כבוד". דער כבוד פון אלע דריי איז שקול, ס'איז ממש די זעלבע זאך — א טאטע און א מאמע, כביכול, אינאיינעם מיט'ן הייליגן באשעפער. אויב איך וואלט געווען צווישן זיי, וואלטן זיי דאך עס מיר אויך געטון; ווייל אויב מען טוט עס פאר א טאטע און א מאמע, וואלטן זיי עס פאר מיר אויך געטון. זייער גוט האב איך געטון אז איך וואוין נישט צווישן זיי און איך גיי נישט אריין צווישן זיי. דער אייבערשטער ציט דאן אוועק די השראת השכינה פון אזא שטוב.

**כיבוד אב ואם אין די עשרת הדברות**

פון דא לערנסטו דאך ארויס, אז ווען א מענטש זוכט צו לעבן לאנגע טעג און יארן מיט עושר וכבוד, חיים ארוכים בעולם הזה ובעולם

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת כי תצא ה לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

הבא, א לעבן וואס האט נישט קיין סוף, קץ ותכלית, זאל ער טון דעם רצון פונעם הייליגן באשעפער און דעם רצון פון זיינע עלטערן, ווי עס שטייט: "כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך". נאכדעם זאגט ער ווייטער, אז "כבד את אביך ואת אמך" שטייט גלייך לעבן "לא תרצח". ווי קומט דען כיבוד אב ואם צו לא תרצח? נאר ס'לאזט זיך הערן, אז אויב א מענטש האט שפייז און פרנסה, אבער ער איז נישט מכבד און ער שפייזט נישט זיינע עלטערן ווען זיי ווערן אלט און ער העלפט זיי נישט ארויס, ווערט ער פארערכנט ביים אייבערשטן כאילו ער איז זיין גאנץ לעבן געווען א רוצח. איר הערט וואס דא טוט זיך?

דערנאך שטייט "כבד את אביך ואת אמך" לעבן "לא תנאף". ווי קומט איין זאך צום צווייטן? נאר ס'לאזט זיך הערן, אז אויב א מענטש האט חתונה געהאט מיט א פרוי און זי איז נישט מכבד זיין טאטע און מאמע, איז עס כאילו ער האט עובר געווען אויף "לא תנאף", ה"י.

און ווי קומט "לא תגנוב" אריין לעבן "כבד את אביך ואת אמך"? נאר אויב א מענטש האט זון און טעכטער און זיי זענען נישט מכבד דעם טאטן און די מאמע ווען זיי ווערן עלטער, איז עס כאילו זיי האבן געגנב'עט נפשות זייער גאנץ לעבן פארן אייבערשטן.

ווי קומט "לא תענה" אן לעבן כיבוד אב ואם אין די עשרת הדברות? נאר א מענטש וואס האט פרנסה און ער גיט נישט פארן טאטן און פאר דער מאמען, איז עס כאילו ער האט זיין גאנץ לעבן געזאגט עדות שקר.

ווי קומט "לא תחמוד" אריין ביי "כבד את אביך ואת אמך"? א מענטש וואס איז נישט מכבד זיינע עלטערן און ער שפייזט זיי נישט, איז עס כאילו ער האט געגלוסט און צוגענומען געלט פון אנדערע מענטשן.

**די מורא'דיגע אוצרות און גיין אין די דרכי השם**

אבער ווען א מענטש איז מכבד און ער שפייזט זיינע עלטערן, איז ער גלייך צו א קעניג וואס דער זון פון זיין באליבטן פריינד איז געקומען צו אים. דער קעניג האט אים אבער ביז יעצט קיינמאל נישט געזען, און ער זעט אים יעצט צום ערשטן מאל. פרעגט אים דער קעניג: "מיין קינד, פון וואו קומסטו?" ענטפערט ער: "וואס הייסט? איך קום פון מיין טאטע-מאמע'ס הויז." זאגט אים דער קעניג: "און וואו זענען דיין טאטע און מאמע?" זאגט ער אים: "זיי זענען שוין נפטר געווארן." זאגט אים דער קעניג: "מיין קינד, געבענטשט זאלסטו זיין! מורא'דיג," זאגט ער, "דו האסט געזארגט און געגעבן מנוחה פאר דיין טאטע און מאמע כל זמן זיי האבן געלעבט! זייער גוט האסטו געטון. יעצט קום מיט מיר, איך גיי דיר ווייזן וואס דיין טאטע און מאמע האבן באהאלטן ביי מיר; איך האב גרויסע אוצרות וואס זיי האבן דא אוועקגעלייגט, און איך גיי עס דיר געבן."

זאגט דער תנא דבי אליהו: אזוי אויך, ווער עס איז מכבד און שפייזט דעם טאטן און די מאמע כל זמן זיי לעבן, צו לאריכות ימים ושנים טובות, גייט ער אין די דרכי שמים. ער מאכט א נחת רוח פאר זיין טאטן און מאמען, זאגט דער אייבערשטער: "מיין קינד, איך וועל דיר ווייזן דא אויבן אין הימל וואס איך האב באהאלטן פאר דיר. האסט מכבד געווען? האסט געשפייזט דיין טאטן און מאמען? האסט מיר געמאכט א נחת רוח מיט דיינע מעשים טובים און א נחת רוח פאר דיינע עלטערן? ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך כי תשמע בקול ה' אלקיך." ווען וועלן די אלע ברכות קומען? ווען דו וועסט גיין אין די וועגן פון דעם אייבערשטן.

**וואס זענען די דרכי שמים? רחמנות, געדולד און חסד**

וואס זענען די וועגן פון דעם אייבערשטן? אז מען איז א רחמן און מען האט רחמנות. זאגט דער תנא דבי אליהו: אפילו אויף די רשעים זאל מען האבן רחמנות, מען זאל זיי מקרב זיין און זען אז זיי זאלן טון תשובה. מען דארף האבן רחמנות איינער אויפן צווייטן און געבן א מתנת חנם, סיי פאר וועמען דו קענסט יא און סיי פאר וועמען דו קענסט נישט, ווייל דער אייבערשטער גיט מתנת חנם און דער אייבערשטער איז א חנון.

וואס נאך זענען די דרכי שמים? ארך אפים. דער אייבערשטער איז מאריך רוח, ער איז סובל די רשעים ביז זיי טוען תשובה, און ווען זיי טוען תשובה נעמט ער זיי אן. זאלט איר אויך האבן געדולד איינער צום צווייטן, אויפנעמען יעדן שיין, און זיך לאזן איבערבעטן.

נאך א פשט, וואס זענען די דרכי שמים? דער אייבערשטער איז א רב חסד און מטה כלפי חסד; מען זאל טון חסד איינער מיטן צווייטן און נישט זיין קיין רב (קריגער).

**די סדר הקדימה: עלטערן קומען פריער**

ער זאגט ווייטער: ווען א מענטש איז מכבד זיין טאטע און מאמע ווען זיי זענען עלטער, זאגט ישעיה הנביא: "הלא פרוס לרעב לחמך ועניים מרודים תביא בית, כי תראה ערום וכסיתו ומבשרך לא תתעלם". אויב א מענטש האט ביי זיך אינדערהיים וואס צו עסן און ער

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת כי תצא ה לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

וויל געבן צדקה כדי אנדערע מענטשן זאלן אויך הנאה האבן פון זיין געלט, זאל ער קודם געבן פאר זיין טאטע און מאמע. אויב עס בלייבט איבער, זאל ער געבן פאר זיינע ברידער און שוועסטער, פאר זיין משפחה, פאר זיינע שכנים וואס וואוינען מיט אים אין די זעלבע גאס, און ערשט נאכדעם פאר אנדערע אידן.

**אויספיר: מאכן א נחת רוח פארן באשעפער**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר לערנען דא אין תנא דבי אליהו און מיר זעען וואס עס איז דער רצון השם און וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז. מיר דארפן זיך ארייניקלערן אין דעם; נישט אלעס קען מען ארויסשרייבן בפירוש, אבער פונעם כלל קען מען פארשטיין דעם פרט. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן זיך מוסר נפש זיין און מאכן זיכער אז אונזערע עלטערן האבן פון אונז נישט קיין שום צער אדער עגמת נפש אויף קיין שום אופן שבעולם. מיר דארפן זיי געבן דעם גרעסטן כבוד, די גרעסטע מורא, און דעם גרעסטן תענוג און נחת רוח, ווייל דאס איז דער תענוג און נחת רוח פונעם הייליגן באשעפער.

הצלחה וברכה און סיעתא דשמיא.

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם, וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן, און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער. האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212, עקסטענשאן 1.***

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**